# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................**8:12**
מוצאי שב"ק......................**9:42**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך............דברי הימים-ב' ט'-י'
בבלי.........................זבחים פ"ה
ירושלמי....................הוריות ו'
תוספתא........בבא קמא פרק ט'
רמב"ם.......מאכלות אסורות ו'


פרשת פנחס, כ"ד תמוז, מברכים חודש אב, שנת תשע"ח לפ"ק, אבות פרק א' — שנה 7, גליון 41 (352)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**לָכֵן אֱמֹר הִנְנִי נֹתֵן לוֹ אֶת בְּרִיתִי שָׁלוֹם,** לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס הָאט פִּנְחָס דַוְקָא בַּאקוּמֶען דֶעם שְׂכַר פוּן שָׁלוֹם?

מוֹהַרְאַ"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן פ') אַז שָׁלוֹם אִיז נָאר דָא וֶוען צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן קֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְשְׁטֶעלְן, וֶוען מֶען קֶען צוּזַאמְשְׁטֶעלְן פַייעֶר מִיט וַואסֶער. אָבֶער וֶוען צְוֵויי דִי זֶעלְבֶּע זַאכְן שְׁטֶעלְן זִיךְ צוּזַאם הֵייסְט דָאס נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם.

דָא בַּיי פִּנְחָס גֶעפִינֶען מִיר אַז מֶען הָאט אִים פַארְשֶׁעמְט אַז עֶר שְׁטַאמְט פוּן אַ זֵיידֶע וָואס הָאט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז דַוְקָא דָאס גֶעוֶוען פַאר אִים דִי גְרֶעסְטֶע חֲשִׁיבוּת, אַז אֲפִילוּ זַיין זֵיידֶע הָאט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען בִּיז דִי פַארְקֶערְטֶע אוּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בֶּאֱמֶת.

דֶערְפַאר, אַזוֹי וִוי פִּנְחָס הָאט צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט דִי צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן, פוּן אַזַא אָפְּשְׁטַאם וָואס מֶען הָאט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר קוּמְט אִים אַזַא שְׂכַר, צוּ בַּאקוּמֶען דִי בְּרָכָה פוּן שָׁלוֹם, וָואס דָאס אִיז אוֹיךְ וֶוען עֶס שְׁטֶעלְט זִיךְ צוּזַאם צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה פִּנְחָס ב')

***

**יִפְקֹד ה' אֱלֹקֵי הָרוּחֹת לְכָל בָּשָׂר אִישׁ עַל הָעֵדָה, אֲשֶׁר יֵצֵא לִפְנֵיהֶם וַאֲשֶׁר יָבוֹא לִפְנֵיהֶם.** דֶער בַּעַל הַטּוּרִים בְּרֶענְגְט אַ מְסוֹרָה, "**וַאֲשֶׁר יָבוֹא לִפְנֵיהֶם**", אוּן נָאךְ אַ פָּסוּק "**וַאֲשֶׁר יָבֹא אֶת רֵעֵהוּ בַיַּעַר לַחְטֹב עֵצִים**", דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין דִי שַׁייכוּת פוּן דִי צְוֵויי פְּסוּקִים.

מוֹהַרְאַ"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ס"ח) אַז דֶער שְׁלֵימוּת פוּן אַ צַדִּיק אִיז וֶוען עֶר קֶען וַוייזְן פַארְן גְרֶעסְטְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר קֶען וֶוערְן נָאךְ בֶּעסֶער, אוּן פַארְקֶערְט עֶר קֶען אוֹיךְ וַוייזְן פַארְן נִידֶערִיגְסְטְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר אִיז אוֹיךְ נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אוֹיךְ לִיבּ.

דֶער צַדִּיק דַארְף הָאבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁפְּרַאךְ צוּ יֶעדְן מֶענְטְשׁ לוֹיט זַיין מַדְרֵיגָה, אֵיינֶעם דַארְף מֶען מְחַזֵּק זַיין אַז עֶר אִיז זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֵיינֶעם דַארְף מֶען מְעוֹרֵר זַיין אַז עֶר קֶען גֵיין נָאךְ הֶעכֶער. דָאס קֶען נָאר אַן אֱמֶת'עֶר צַדִּיק טוּהן, אוּן דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י"ח) אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה צוּ זָאגְן תּוֹרָה, וַוייל מֶען קֶען הַרְגֶ'נֶען מֶענְטְשְׁן מִיט דִי תּוֹרָה וָואס מֶען זָאגְט. דָאס מֵיינְט אַז אוֹיבּ זָאגְט מֶען דִי נִישְׁט רִיכְטִיגֶע זַאךְ פַארְ'ן נִישְׁט רִיכְטִיגְן מֶענְטְשׁ, הָאט מֶען גֶע'הַרְגֶ'ט דֶעם מֶענְטְשׁ.

דָאס הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **יִפְקֹד ה' אֱלֹקֵי הָרוּחֹת לְכָל בָּשָׂר אִישׁ עַל הָעֵדָה,** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שְׁטֶעלְן אַזַא מַנְהִיג, **אֲשֶׁר יֵצֵא לִפְנֵיהֶם וַאֲשֶׁר יָבוֹא לִפְנֵיהֶם,** אַמָאל דַארְף עֶר מְחַזֵּק זַיין, אַרַיין בְּרֶענְגֶען דִי אִידְן וָואס מֵיינֶען אַז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אִינְדְרוֹיסְן, אוּן אַמָאל דַארְף מֶען מְעוֹרֵר זַיין אֵיינֶעם אַז עֶר קֶען נָאךְ מֶער טוּהן.

אוּן דָאס שְׁטֶעלְט צוּ דִי מְסוֹרָה דֶעם פָּסוּק, **וַאֲשֶׁר יָבֹא אֶת רֵעֵהוּ בַיַּעַר לַחְטֹב עֵצִים,** וָואס דֶער פָּסוּק רֶעדְט דָארְט פוּן אֵיינֶעם וָואס הַרְגֶ'ט בְּשׁוֹגֵג, אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶערְנֶעמֶען אַזַא זַאךְ צוּ זָאגְן מוּסָר פַאר מֶענְטְשְׁן, וַוייל מֶען קֶען מִיט דֶעם הַרְגֶ'נֶען מֶענְטְשְׁן, נָאר אַן אֱמֶת'עֶר צַדִּיק קֶען דָאס טוּן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית פִּנְחָס תשס"ה)

## מוֹהַרְאַ"שׁ דֶערְצֵיילְט

### דִי דְרֵיי וָואכְן

מֶענְטְשְׁן בַּאטְרַאכְטְן דִי טֶעג פוּן "בֵּין הַמְּצָרִים" - דִי דְרֵיי וָואכְן צְוִוישְׁן שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז אוּן תִּשְׁעָה בְּאָב, אַלְס טְרוֹיעֶרִיגֶע מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיגֶע טֶעג, עֶס זֶעט עֶפֶּעס אוֹיס וִוי גֶעפַאלֶענֶע נִידֶערִיגֶע טֶעג, וֶוען מֶען אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען דֶעמָאלְט נִישְׁט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעהֶערִיג.

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶער נִישְׁט אַזוֹי. נָאר פוּנְקְט פַארְקֶערְט, דִי טֶעג זֶענֶען גְרוֹיסֶע טֶעג, וָואס זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָּל נָאנְט צוּ וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ מֶער אוּן גְרִינְגֶער פוּן אַ גַאנְץ יָאר.

מֶען הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, אַז עֶרְלִיכֶע אִידְן פְלֶעגְן זָאגְן אַז אִין דִי טֶעג פוּן בֵּין הַמְּצָרִים פַאלְן זֵיי פוּן זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת. הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, פַארְקֶערְט, דִי טֶעג קֶען מֶען גְרִינְגֶער שְׁטֵייגְן, אוּן וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט בַּיי אַ קֶענִיג אַז וֶוען עֶר אִיז אִין זַיין פַּאלַאץ אִיז שְׁוֶוער צוּ צוּקוּמֶען צוּ אִים, אָבֶער וֶוען עֶר אִיז אוֹיפְ'ן וֶועג, אוֹיפְ'ן גַאס, אִיז אַ סַךְ גְרִינְגֶער צוּ קוּמֶען צוּ אִים. דִי זֶעלְבֶּע יֶעצְט - "בֵּין הַמְּצָרִים" - וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז כִּבְיָכוֹל אִין גָלוּת, אִיז עֶר נָאךְ מֶער נֶענְטֶער צוּ אוּנְז, אוּן מִיר קֶענֶען נָאךְ גְרִינְגֶער אוּן שְׁנֶעלֶער צוּ קוּמֶען צוּ אִים, אוּן צוּ רֶעדְן צוּ אִים.

דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג,

<<<<<<

## א גוט ווארט

יֶעצְט אַז דוּ בִּיסְט אִין קֶעמְפּ צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער אוּן גְרָאז זָאלְסְטוּ אַפָּאר מָאל אַ טָאג כַאפְּן אַ שְׁפַּאצִיר צְוִוישְׁן דִי גְרָאז אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דַיין הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי אִיז אַמָאל גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן מִיט זַיין טָאכְטֶער שָׂרָה, אִינְמִיטְן שְׁפַּאצִירְן הָאט דֶער רֶבִּי אִיר גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קסג) : אוֹיבּ דוּ וָואלְסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן דִי גֶעזַאנְג אוּן לוֹיבּ וִוי יֶעדֶע גְרָאז זִינְגְט אַ גֶעזַאנְג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין שׁוּם פְּנִיָּה אוּן אָן קַיין מַחְשָׁבָה זָרָה, וֶוען זֵיי זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וַוארְטְן זֵיי נִישְׁט מֶען זָאל זֵיי בַּאצָאלְן פַאר דֶעם שְׂכַר, "כַּמָּה יָפֶה וְנָאֶה כְּשֶׁשּׁוֹמְעִין הַשִּׁירָה שֶׁלָּהֶם", וִוי שֵׁיין אוּן וִוי גוּט אִיז צוּ הֶערְן זֵייעֶר גֶעזַאנְג וָואס זֵיי זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְטוֹב מְאֹד לַעֲבֹד אֶת ה' בְּיִרְאָה בֵּינֵיהֶם", עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ זַיין פְרוּם צְוִוישְׁן זֵיי.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' פִּנְחָס תשע"ח)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## בַּיי מַיין חֲסִידוּת אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ פָאהְרְן קַיין אוּמַאן

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם כָּל ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר אַלֶעס וָואס עֶר טוּט פַאר אוּנְז, דִי אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק וָואס הֶעלְפְן אַזוֹיפִיל אִין לֶעבְּן.

אִיךְ בִּין אַ ... חָסִיד, אוּן בַּיי אוּנְזֶער חֲסִידוּת אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִיל יָא צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל גֶעבְּן כֹּחַ אוּן מֹחַ פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וַוייטֶער מְקָרֵב צוּ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֹשֶׁה

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ד סִיוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מֹשֶׁה נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז דוּ זָאלְסְט בַּאהַאלְטְן דַיין הִתְקָרְבוּת צוּם רֶבִּי'ן פוּן דַיינֶע חֲבֵרִים. וִוי לַאנְג דַיין וַוייבּ תְּחִי' אִיז מִיט דִיר, זִי אִיז מַסְכִּים זָאלְסְט פָארְן קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זֶע אִיךְ נִישְׁט וָואס דַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז.

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט רֵייצְן וְכוּ' וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט ווִיסְן אַז דוּ בִּיסְט בִּכְלַל גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן; ... חֲסִידוּת אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס הַיינְט, מִיט אַסַאךְ בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים אוּן מֶען קֶען נִישְׁט הַאלְטְן חֶשְׁבּוֹן וֶוער עֶס דַאוֶוענְט דָא אוּן וֶוער עֶס דַאוֶוענְט דָארְט. רֶעד נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם פוּן בְּרֶסְלֶב, רֵייץ דִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם - וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט ווִיסְן וואוּ דוּ בִּיסְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד וָואס זַיין שְׁוֶוער הָאט זִיךְ פַארְלֵייגְט אוֹיף אִים עֶר זָאל נִישְׁט פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּי'ן, לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר יָא גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען זַיין שְׁוֶוער הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וואוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען דוּרְכְאוֹיס יוֹם טוֹב, הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין שְׁפִּיטָאל וואוּ אִיךְ בִּין דוּרְךְ אַ שְׁוֶוערֶע אַפֶּערַאצִיֶע", אַזוֹי הָאט אִים דֶער שְׁוֶוער אָפְּגֶעלָאזְט.

וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן זָאגְן לִיגְנְט, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת אֱמֶת, סִימָן ב): "מֻתָּר לְשַׁנּוֹת בִּדְבַר הַשָּׁלוֹם", מֶען מֶעג מְשַׁנֶּה זַיין זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶוען פוּן מַחְלוֹקֶת; צְוֵוייטְנְס, אִיךְ בִּין טַאקֶע גֶעוֶוען אִין שְׁפִּיטָאל; אִיךְ בִּין גֶעפָארְן צוּם גְרֶעסְטְן שְׁפִּיטָאל אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס פַארְמָאגְט דֶעם גְרֶעסְטְן דָאקְטֶער. דֶער רֶבִּי אִיז אוּנְזֶער דָאקְטֶער, עֶר הֵיילְט אוּנְז אַלֶע.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס - דֶעם לֶעצְטְן טָאג): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ קֶענִיג וָואס הָאט פַארְכַאפְּט אַ בַּת מַלְכָּה, שְׁפֶּעטֶער אִיז דִי בַּת מַלְכָּה אַנְטְלָאפְן פוּנֶעם קֶענִיג, דֶער קֶענִיג הָאט אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט זַיינֶע בַּאדִינֶער מֶען זָאל אִיר זוּכְן וואוּ זִי אִיז, הָאט מֶען אִיר גֶעטְרָאפְן זִיךְ דְרֵייעֶן בַּיי אַ שְׁלָאס פוּן וַואסֶער. אִיז דֶער קֶענִיג גֶעגַאנְגֶען צוּם וַואסֶערִיגְן פֶעסְטוּנְג מִיט זַיין מִילִיטֶער אִיר כַאפְּן, וֶוען דִי בַּת מַלְכָּה הָאט גֶעזֶען דֶעם מֶלֶךְ הָאַכְזָר הָאט זִי גֶעטְרַאכְט: 'עֶנְדֶערְשׁ וֶועל אִיךְ אַרַיין לוֹיפְן אִינֶעם שְׁלָאס פוּן וַואסֶער, עֶנְדֶערְשׁ זָאל אִיךְ דֶערְטְרָאנְקֶען וֶוערְן וִוי אֵיידֶער אָנְצוּקוּמֶען צוּם מֶלֶךְ הָאַכְזָר'. וֶוען דֶער קֶענִיג הָאט גֶעזֶען וִוי זִי לוֹיפְט אַרַיין אִין דִי וַואסֶערְדִיגֶע פַּאלַאץ הָאט דֶער קֶענִיג גֶעהֵייסְן מֶען זָאל אִיר שִׁיסְן מִיט אַלֶע סָארְט פַיילְן וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּאשְׁמִירְט מִיט אַלֶע סָארְט סַמְ'עֶן, אִיז דִי בַּת מַלְכָּה אַרָאפּ גֶעפַאלְן חַלָּשׁוּת, הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: "אוּן אִיךְ הֵייל זִי".

המשך בדף ד

>>>>>>

דָאס אִיז דִי גִימַטְרִיָא פוּנֶעם שֵׁם אקי"ה, וָואס דֶער שֵׁם וַוייזְט אַז אֲפִילוּ בִּיז יֶעצְט אִיז מֶען נִישְׁט גֶעוֶוען וואוֹיל, קֶען מֶען 'פוּן יֶעצְט' אָנְהֵייבְּן צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') אַז דֶער שֵׁם וַוייזְט "אֲנָא זָמִין לְמֶהֱוֵי", וָואס דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גוּט בִּיז יֶעצְט, הֵייבְּט מֶען אָן פוּן יֶעצְט צוּ זַיין גוּט.

נָאר אַזוֹי וִוי וֶוען עֶס אִיז דָא גָאר אַ טֵייעֶרֶע אוֹצָר, נֶעמְט מֶען עֶס אַרוּם אוּן מֶען פַארְזִיגְלְט עֶס מִיט אַסַאךְ שְׁלֶעסֶער, כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם נִישְׁט רִיכְטִיגְן מֶענְטְשׁ, וָואס דַארְף עֶס נִישְׁט בַּאקוּמֶען. דִי זֶעלְבֶּע אִיז יֶעצְט, אַזוֹי וִוי דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען אַזֶעלְכֶע גֶעהוֹיבֶּענֶע טֶעג, אַזֶעלְכֶע טֶעג וָואס פַארְמָאגְן אִין זִיךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע אוֹצָר, אַז מֶען קֶען גְרֵינְגֶערְהֵייט וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאט עֶס דֶער יֵצֶר הָרַע אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט אַזֶעלְכֶע שְׁלֶעסֶער פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אַז מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען צוּ קוּמֶען דֶערְצוּ. אָבֶּער וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל, לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי אַלֶע דִמְיוֹנוֹת, נָאר עֶר נִיצְט אוֹיס דִי צַייט מִיט אַ סַךְ תְּפִלָּה, עֶר בֶּעהְט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט עֶר גְרִינְגֶערְהֵייט צוּקוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע זַאכְן.

דִי סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים בְּרֶענְגְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זי"ע (עֲבוֹדַת יִשְׂרָאֵל, מַסְעֵי) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (אֵיכָה א') כָּל רוֹדְפֶיהָ הִשִּׂיגוּהָ בֵּין הַמְּצָרִים. "כָּל רוֹדְפֵי - קָהּ", וֶוער עֶס לוֹיפְט נָאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "הִשִּׂיגוּהָ", קֶען אִים דֶערְגְרֵייכְן. "בֵּין הַמְּצָרִים", דַוְקָא אִין דִי טֶעג פוּן "בֵּין הַמְּצָרִים".

דִי שַׁבָּתִים פוּן דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶל גָאר גְרוֹיס, וָואס אִיז נִישְׁטָא זֵייעֶר גְלַייכְן אִיבֶּערְן יָאר. דִי דְרֵיי שַׁבָּתִים זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דִי דְרֵיי יָמִים טוֹבִים, דֶער עֶרְשְׁטֶער שַׁבָּת אִיז קֶעגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, דֶער צְוֵוייטֶער שַׁבָּת אִיז קֶעגְן שָׁבוּעוֹת, אוּן פַּרְשַׁת דְּבָרִים - שַׁבָּת חֲזוֹן אִיז קֶעגְן סוּכּוֹת. אוּן דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי סְפֶּעצִיעֶלֶע חָשׁוּבֶע שַׁבָּתִים, אוּן שַׁבָּת חֲזוֹן אִיז גָאר דִי גְרֶעסְטֶע שַׁבָּת פוּן יָאר, דֶער נָאמֶען "חֲזוֹן" גֵייט אַרוֹיף אוֹיף נְבוּאָה, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה א') "חֲזוֹן יְשַׁעְיָהוּ". צַדִּיקִים זֶענֶען זוֹכֶה צוּ זֶען אִין דֶעם שַׁבָּת, דֶעם דְרִיטְן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וָואס וֶועט אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט וֶוערְן בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ.

## פוּן בִּיטֶער וֶוערְט זִיס

דֶער פָּסוּק זָאגְט (יִרְמְיָה א') אַז יִרְמְיָה הַנָּבִיא הָאט נְבִיאוֹת גֶעזָאגְט אוֹיף דִי חוּרְבָּן פוּנֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ "מַקֵּל שָׁקֵד אֲנִי רוֹאֶה". זָאגְט רַשִׁ"י אַז אַזוֹי וִוי דֶער "מַקֵּל שָׁקֵד" - דֶער מַאנְדְל-בּוֹים, פוּן וֶוען עֶס קוּמְט אַרוֹיס דִי בְּלוּם בִּיז עֶס וַואקְסְט אַרוֹיס דִי פְרוּכְט נֶעמְט אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג, אַזוֹי אוֹיךְ פוּן וֶוען דִי גוֹיִם הָאבְּן צוּבְּרָאכְן דִי מוֹיעֶר פוּן שְׁטָאט, בִּיז וֶוען זֵיי הָאבְּן חָרוּב גֶעמַאכְט דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָאט גֶענוּמֶען אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג.

מֶען דַארְף אָבֶּער ווִיסְן אַז דֶער מַאנְדְל הָאט אוֹיךְ אַן אַנְדֶערֶע אֵייגְנְשַׁאפְט. חֲזַ"ל זָאגְן (מַעַשְׂרוֹת פֶּרֶק א') אַז דֶער מַאנְדְל אִיז קוֹדֶם בִּיטֶער אוּן דֶערְנָאךְ וֶוערְט עֶס זִיס. אוּן דֶערִיבֶּער, אַזוֹי וִוי דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְן צוּ מַאנְדְלֶען, אִיז יֶעצְט דִי צַייט וָואס מֶען קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן אַז פוּן בִּיטֶער זָאל וֶוערְן זִיס. וָואס דָאס אִיז בֶּאֱמֶת דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, אַזוֹי וִוי דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָּמַת בְּרֵאשִׁית ד.) "וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן טוּנְקְל זָאל וֶוערְן לִיכְטִיג אוּן פוּן בִּיטֶער זָאל וֶוערְן זִיס?"

דָאס מֵיינְט, אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים אוּן שְׁוֶועריִקֵייטְן, עֶס אִיז אִים זֵייעֶר בִּיטֶער דָאס לֶעבְּן, עֶס אִיז אִים מַמָּשׁ טוּנְקְל פַאר דִי אוֹיגְן. וֶוען מֶען וֵוייסְט אָבֶּער אַז דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען נִישְׁט גֶעשֶׁען פוּן זִיךְ אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס גֶעמַאכְט מִיטְ'ן צִיל אוֹיף צוּ וֶועקְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, דַאן הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוּן גֶעמַאכְט פוּן בִּיטֶער זִיס, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן, אוּן עֶר וֶועט אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן צָרוֹת.

## נִישְׁט מִיט עַצְבוּת

דִי אַלֶע הֲלָכוֹת אוּן דִינִים וָואס מִיר דַארְפְן זִיךְ צוּ פִירְן מִיט אֲבֵילוּת אִין דִי טֶעג פוּן בֵּין הַמְּצָרִים, מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען דַארְף זַיין טְרוֹיעֶרִיג, בְּעַצְבוּת אוּן צוּקְלַאפְּט. נָאר מֶען דַארְף עֶס טוּן מִיט אַן

<<<<<<

# מִיט שִׂמְחָה וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעהִיטְן

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קס"ט) אַז וֶוען אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין אָפְּהִיטְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט דוּרְכְפַּאלְן אִין דִי הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן, וַוייל דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן מִיט דִי עֲבֵירוֹת, וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "לִילִית", וָואס דָאס מֵיינְט טְרוֹיעֶרְן אוּן קְלָאגְן. אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז טְרוֹיעֶרִיג אוּן צוּגֶעלֵייגְט, מַאכְט דָאס אִים זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אָבֶּער פְרֵיילִיךְ, וֶוערְט עֶר אָפְּגֶעהִיטְן פוּן דִי אַלֶע סָארְט שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

וֶוען מֶען זֶעט אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַלֶעמָאל טְרוֹיעֶרִיג אוּן בְּעַצְבוּת, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נֶעבֶּעךְ פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין דִי סָארְט הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת. וֶוען מֶען טוּט שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן וֶוערְט מֶען זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט אוּן צֶעבְּרָאכְן, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין שׁוּם סִפּוּק אִין לֶעבְּן.

דֶערְפַאר דַארְף אַ אִיד זִיךְ זֵייעֶר אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ הִיטְן זַיינֶע אוֹיגְן נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, וַוייל אַלֶעס הוֹיבְּט זִיךְ אָן בַּיי דִי אוֹיגְן, דִי אוֹיגְן אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, אוּן אָן דִי אוֹיגְן אִיז דֶער מֶענְטְשׁ אַ גֶעשְׁטָארְבֶּענֶער. חֲזַ"ל זָאגְן (נְדָרִים ס"ד:) "סוּמָא חָשׁוּב כְּמֵת", אַ בְּלִינְדֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶערֶעכְנְט וִוי עֶר אִיז שׁוֹין טוֹיט רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוֹיבּ דִי אוֹיגְן זֶענֶען נִישְׁט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דַאן אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף גְרוֹיסֶע צָרוֹת. חֲזַ"ל זָאגְן (סִפְרִי, בְּהַעֲלוֹתְךָ) "אֵין לְךָ חָבִיב בְּכָל הַגּוּף כְּעַיִן, וּמָשַׁל בָּהּ אֶת יִשְׂרָאֵל", דִי וִוִיכְטִיגְסְטֶע אוּן חָשׁוּב'סְטֶע אֵבֶר פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זֶענֶען זַיינֶע אוֹיגְן, דֶערִיבֶּער דַארְף אַ אִיד זֵייעֶר שְׁטַארְק הִיטְן אוֹיף זֵיי, אוּן זֶען אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט פַארְשְׁמִירְט וֶוערְן חַס וְשָׁלוֹם מִיט שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. פַארְקֶערְט, אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ קוּקְן נָאר אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן א') אַז אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף דִי שֵׂכֶל וָואס לִיגְט אִין יֶעדֶע זַאךְ. דָאס מֵיינְט אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אַז וָואס עֶר זֶעט נָאר פַאר דִי אוֹיגְן, זָאל עֶר גְלַייךְ קוּקְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס בַּאהַאלְט זִיךְ אִין דִי זַאךְ.

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת י"ב:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר ט"ו, ל"ט) "וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם; אַחֲרֵי לְבַבְכֶם - זוּ מִינוּת, אַחֲרֵי עֵינֵיכֶם - זֶה הִרְהוּר עֲבֵרָה". דֶער פָּסוּק זָאגְט אוּנְז אָן אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט נָאכְגֵיין נָאךְ דִי עֲבוֹדָה זָרָה'ס אוּן אוֹיךְ נִישְׁט נָאךְ נִאוּף, וַוייל דִי צְוֵויי זַאכְן גֵייעֶן אִינְאֵיינֶעם, וִוי נָאר אַ מֶענְטְשׁ אִיז מַפְקִיר זַיינֶע אוֹיגְן צוּ קוּקְן אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, הוֹיבְּט אָן אַרַיינְצוּקוּמֶען בַּיי אִים אִין קָאפּ מַחְשָׁבוֹת פוּן כְּפִירָה אוּן מִינוּת, דָאס רַייסְט אַוֶועק פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זַיין אֱמוּנָה, דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז וָואס מַאכְט דֶערְבִּיטֶערְט דֶעם מֶענְטְשׁ. וַוייל וֶוען אַ אִיד אִיז נָאנְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁפִּירְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעמָאל מִיט אִים אוּן פַארְלָאזְט אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט, דַאן אִיז עֶר אַ פְרֵיילִיכֶער אוּן רוּאִיגֶער מֶענְטְשׁ. חֲזַ"ל זָאגְן (פְּסָחִים קי"ז.) "אֵין הַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה אֶלָּא מִתּוֹךְ שִׂמְחָה", דִי שְׁכִינָה רוּט נִישְׁט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, נָאר וֶוען עֶר אִיז פְרֵיילִיךְ. אַזוֹי אַרְבֶּעט עֶס, וֶוען מֶען הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן, דַאן קֶען מֶען שְׁפִּירְן אוּן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען מֶען שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן מֶען הָאט אַ גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן.

חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ג:) "בַּתְּחִלָּה קוֹדֶם שֶׁחָטְאוּ יִשְׂרָאֵל הָיְתָה שְׁכִינָה שׁוֹרָה עַל כָּל אֶחָד וְאֶחָד, כֵּיוָן שֶׁחָטְאוּ נִסְתַּלְּקָה שְׁכִינָה מֵהֶם", אֵיידֶער דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶערוּט אוֹיף יֶעדְן אִיד, נָאכְדֶעם וָואס דִי אִידְן אָבֶּער הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט, אִיז דִי שְׁכִינָה אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן זֵיי. אוּן דָאס מֶערְסְטֶע אִיז דָאס וֶוען מֶען זִינְדִיגְט מִיט דִי אוֹיגְן, וָואס דָאס נֶעמְט גָאר שְׁטַארְק אַוֶועק אַ אִיד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת, פֶּרֶק א', הֲלָכָה ה'): "לִיבָּא וְעֵינָא תְּרֵי סַרְסוּרֵי דְחַטָּאָה, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא: אִי יְהָבְתְּ לִי לִבָּא וְעֵינָא, אֲנָא יָדַע דְּאַנְתְּ לִי" - דִי הַארְץ מִיט דִי אוֹיגְן זֶענֶען דִי צְוֵויי מֶעקְלֶער וָועלְכֶע בְּרֶענְגֶען אַ מֶענְטְשׁ צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר יֶעדְן אִיד: "אוֹיבּ גֶעבְּסְטוּ מִיר דַיין הַארְץ אוּן דַיינֶע אוֹיגְן, דַאן וֵייס אִיךְ אַז דוּ בִּיזְט מַיינֶער!" וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן הֵיילִיגֶע אוֹיגְן, עֶר הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן אוּן קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, דַאן אִיז עֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס אַ מֶענְטְשׁ, זַיין מֹחַ וֶוערְט אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט אוּן עֶר הוֹיבְּט אָן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ לָאמִיר אָנְהוֹיבְּן צוּ בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן אַלֶעמָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אוֹיפְגֶעלֵייגְט, שִׂמְחָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס קֶען רַאטֶעוֶועןְ אַ אִיד פוּן פְּגַם הַבְּרִית, שִׂמְחָה פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת, אוּן דַאן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז שׁוֹין אָפְּהִיטְן אַז מִיר זָאלְן מֶער נִישְׁט קְרִיכְן אוּן זוּכְן קַיין שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן, מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין זִיךְ אֱמֶת'דִיג צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן, אוּן דַאן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּעֶן בַּיי אוּנְז שְׁטֶענְדִיג; מִיר וֶועלְן הָאבְּן אַ רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה, אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע אוּן גְלִיקְלִיכֶע לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(קוּנְטְרֵס שֵׁיינֶע אוֹיגְן)

>>>>>>

הִשְׁתּוֹקְקוּת אִין הַארְץ, אַז מִיר בֶּענְקְן שׁוֹין אוּן מִיר זֶענֶען מִשְׁתּוֹקֵק אַז מֶען זָאל שׁוֹין אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן דֶערְפוּן.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי וֶועג וָואס אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט, פוּן אֵיין זַייט הָאבְּן זֵיי אִין הַארְצְן גֶעטְרוֹיעֶרְט אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אָבֶּער אוֹיפְ'ן פָּנִים הָאבְּן זֵיי אֵייבִּיג גֶעהַאט אַ שְׁמֵייכְל, אוּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען יֶעדְן מֶענְטְשׁ בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי מְקָרֵב גֶעוֶוען יֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זי"ע הָאט גֶעוָואלְט נָאכְקוּקְן אוּן זֶען וָואס דֶער דֶּרֶךְ הַחֲסִידוּת אִיז, הָאט עֶר גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע קַשְׁיָא אוֹיף זֵיי "פַארְוָואס זֶענֶען דִי חֲסִידִים אֵייבִּיג פְרֵיילִיךְ? עֶס אִיז דָאךְ אַ קְלָארֶע הֲלָכָה אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַז אַ יְרֵא שָׁמַיִם דַארְף טְרוֹיעֶרְן אוּן זִיךְ מְצַעֵר זַיין אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וִוי אַזוֹי קֶענֶען דִי חֲסִידִים זַיין אֵייבִּיג אַזוֹי פְרֵיילִיךְ?"

וֶוען דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זי"ע אִיז גֶעפָארְן צוּ זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה זי"ע הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן וֶועג "בַּאשֶׁעפֶער, דוּ וֵייסְט דָאךְ אַז אִיךְ וִויל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת, הֶעלְף אַז וֶוען אִיךְ קוּם צוּם צַדִיק זָאל מִיר פַארֶענְטְפֶערְט וֶוערְן אַלֶע מַיינֶע קֻשְׁיוֹת. חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ (יוֹמָא ל"ח:) 'הַבָּא לִטָּהֵר מְסַיְּעִין אוֹתוֹ' - וֶוען אֵיינֶער וִויל זִיךְ הֵיילִיגְן, הֶעלְפְט מֶען אִים פוּן הִימְל. אָבֶּער עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אַ לָשׁוֹן יָחִיד 'מְסַיֵּעַ אוֹתוֹ', וָואס דַאן וָואלְט עֶס גֶעמֵיינְט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ 'מְסַיְּעִין אוֹתוֹ' אַ לָשׁוֹן רַבִּים, דָאס מֵיינְט אַז דִי צַדִיקִים הֶעלְפְן אוֹיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ. אוּן דֶערְפַאר - הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער - אַז דֶער צַדִיק זָאל מִיר הֶעלְפְן אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע מַיינֶע קֻשְׁיוֹת".

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה זי"ע, וִוי נָאר עֶר הָאט אַרַיין גֶעטְרֶעטְן אִין צִימֶער, הָאט אִים דֶער צַדִיק גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס זֶעסְטוּ אוֹיס אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג הַיינְט? עֶס שְׁטֵייט טַאקֶע אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַז אַ יְרֵא שָׁמַיִם דַארְף טְרוֹיעֶרְן אוּן זִיךְ מְצַעֵר זַיין אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אָבֶּער דָאס מֵיינְט נָאר אִין הַארְץ, אוֹיפְ'ן פָּנִים דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן אַ שְׁמֵייכְל", אוּן דֶער צַדִיק הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען, "גְלֵייבּ מִיר, אַז מִיר זָאגְן אוֹיךְ יֶעדֶע נַאכְט תִּיקוּן חֲצוֹת אוּן מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אָבֶּער פוּן דֶעסְט וֶועגְן זֶענֶען מִיר נָאךְ אַלְץ פְרֵיילִיךְ".

דֶער צַדִיק הָאט אִים דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען מִיט אַ מָשָׁל פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי שְׁמֶעלְקֶע נִיקְלְשְׁבּוּרְגֶער זי"ע, אַזוֹי וִוי אַ קֶענִיג וָואס אִיז פַארְכַאפְּט גֶעוָוארְן אִין אַ וַוייטֶע לַאנְד אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט זִיךְ אָפְּרוּעֶן דָארְט בַּיי זַיינְ'ס אַ פְרַיינְד, וֶוען דֶער פְרַיינְד הָאט גֶעזֶען אַז דֶער קֶענִיג אִיז דָארְט אִין גֶעפֶענְגֶענִישׁ, הָאט עֶר זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן זִיךְ מְצַעֵר גֶעוֶוען, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר אוֹיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז דֶער קֶענִיג שְׁטֵייט אַיין בַּיי אִים. דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ יֶעצְט, אֲפִילוּ מִיר זֶענֶען טַאקֶע אִין גָלוּת, דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז טַאקֶע חָרוּב, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ מִיט אוּנְז, אוּן מִיר זֶענֶען זֵייעֶר נָאנְט צוּ אִים, אוּן מִיט דֶעם קֶענֶען מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

אוּן דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט, "בֶּאֱמֶת וָואלְט אִיךְ דִיר דָאס נִישְׁט גֶעדַארְפְט אוֹיסְזָאגְן, אָבֶּער אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ 'הַבָּא לִטָּהֵר מְסַיְּעִין אוֹתוֹ', מִיט אַ לָשׁוֹן רַבִּים, מֵיינְט דָאס אַז דִי צַדִיקִים דַארְפְן אוֹיךְ אַרוֹיס הֶעלְפְן אוּן מְקָרֵב זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ דִיר דָאס גֶעזָאגְט"...

דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה אִיז נִבְהָל וְנִשְׁתּוֹמֵם גֶעוָוארְן פוּן דִי קְלָארֶע רוּחַ הַקוֹדֶשׁ פוּנֶעם הֵיילִיגְן חוֹזֶה וָואס הָאט גֶעזֶען אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט, אוּן פוּן דֶעמָאלְט אִיז עֶר נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּ אִים, אוּן גֶעוָוארְן פוּן זַיינֶע גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער עִיקָר אֲבֵילוּת דַארְף מֶען הָאבְּן אִין הַארְץ, אָבֶּער פוּן אִינְדְרוֹיסְן דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן. אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף דוּרְךְ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, זָאל עֶר נָאר צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ הַאלְטְן פְרֵיילִיךְ, אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּנִיצְן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ בֵּין הַמְּצָרִים)

המשך פון דף ב

דֶער מֶלֶךְ הָאַכְזָר - דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרַע וָואס זוּכְט צוּ פַארְכַאפְּן דִי בַּת מַלְכָּה וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה; עֶר אִיז מַכְשִׁיל אַ מֶענְטְשׁ מִיט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט חַלָשׁוּת, עֶר וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ אוּן גֶעבְּט אוֹיף. קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן זָאגְט "אוּן אִיךְ הֵייל זֵיי", דֶער רֶבִּי הָאט אַזֶעלְכֶע לִימוּדִים וָואס קֶען אוֹיסְהֵיילְן יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען יֶעדְן אֵיינֶעם צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הָאט דֶער בְּרֶסְלֶב'עֶר אֵיידֶעם אוֹיסְגֶעפִירְט: "קוּמְט אוֹיס אַז דֶער רֶבִּי אִיז מַיין דָאקְטֶער, אוּן אוּמַאן אִיז מַיין שְׁפִּיטָאל וואוּ אִיךְ הֵייל זִיךְ".

דָאס זֶעלְבֶּע זָאלְסְטוּ טוּן; קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם אוּן רֶעג נִישְׁט אוֹיף דַיין מִשְׁפָּחָה וְכוּ'. דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען אַז דַיין פָּארְן זָאל זַיין מִיט דִי הַסְכָּמָה פוּן דַיין וַוייבּ; אַז דַיין וַוייבּ אִיז מַסְכִּים דוּ זָאלְסְט קוּמֶען קַיין אוּמַאן אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם דוּ זָאלְסְט קוּמֶען. אוֹיבּ דַיין וַוייבּ שְׁטֶעלְט אַן אוֹיפְשְׁטַאנְד דַאן אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן, וַוייל אָן אַ וַוייבּ הָאט מֶען נִישְׁט קַיין מֹחַ אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין מֹחַ אִיז מֶען וִוי אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת, וַוייל דָאס אִיז דֶער יְסוֹד פוּן קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה; אַז מַאן אוּן וַוייבּ לֶעבְּן בְּאַהֲבָה אִין שְׁטוּבּ נָאר דֶעמָאלְט קֶען מֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַלֶע זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס אִין דֶעם אִיז תָּלוּי דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה וָואס וֶועט זַיין בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ.

BreslevCenter.com\answers

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מוה"ר **יואל טייטלבוים** שליט"א

**גבאי ביהמ"ד היכל הקודש קרית יואל-עצי תמרים**

**צו די שידוך שליסן פון זיין טאכטער עב"ג**

החתן **הלל** ני"ו

בן מו"ה **ישראל אשר ווייס** הי"ו

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים.

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## הערליכע שבת אין קעמפ מיט הגה"צ ר' יצחק לעזער שליט"א

דעם פארגאנגענעם שבת קודש איז אפגעראכטן געווארן מיט גרויס שמחה און דערהויבנקייט אין מחנה היכל הקודש אין מאנטיסעלאו. יעדן שבת אין קעמפ איז ממש מעין עולם הבא, מען קומט זיך צוזאם פרייטאג צו נאכטס ביי די באטע, מען זינגט אינאיינעם די זמירות מיט הארציגע אידישע ניגונים, און מען הערט דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס בלאזט אריין א פרישע גייסט צו קענען אנגיין פאר נאך א וואך. שבת אינדערפרי נאכ'ן דאווענען איז דא א קידוש יעדע וואך, און דער ראש ישיבה שליט"א לערנט פאר סיפורי מעשיות פון הייליגן רבי'ן, געפלאכטן מיט הערליכע שמועסן וואס מ'קען ארויסנעמען פון די מעשיות וואס זאלן אונז לערנען א וועג אין לעבן. אויך ביי שלש סעודות הערט מען דברי תורה פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס זענען כמים קרים על נפש עיפה. און צו באגלייטן דעם שבת קודש קומט פאר יעדע וואך א גרויסארטיגע מלוה מלכה, פילע אידן קומען צו פארן פון נאנט און ווייט מיטצוהאלטן די מלוה מלכה'ס אין קעמפ, מען זינגט די זמירות אינאיינעם, מען זינגט שיינע ניגונים, און מען איז מחיה מיט נאך א דרשה פונעם ראש ישיבה שליט"א.

דעם פארגאנגענעם שבת קודש האבן מיר געהאט די זכיה אז הגה"צ ר' יצחק לעזער שליט"א איז געווען צו גאסט אין קעמפ, דער ראש ישיבה שליט"א האט אים איבערגעגעבן דאס ווארט צו רעדן דברות קודש במשך דעם גאנצן שבת. די בחורים און די אינגעלייט תושבי המחנה האבן געשלינגען מיט דארשט די דברי התחזקות והתעוררות, ווי אויך האט הגה"צ ר' יצחק שליט"א שטארק מחזק געווען אז מ'זאל זיך צוהערן צום ראש ישיבה שליט"א וואס געבט איבער ווייטער דאס וואס מוהרא"ש האט געלערנט אלע יארן, און ער ברענגט עס אראפ פאר יעדן איינעם עס צו קענען מקיים זיין לעובדא ולמעשה, ער האט ארויסגעברענגט פאר די בחורים אז זיי זאלן וויסן און פארשטיין די געוואלדיגע זכיה וואס זיי האבן צו לערנען אין אזא הייליגע ישיבה, און אויב וועלן זיי אויסהערן און פאלגן דעם ראש ישיבה שליט"א וועלן זיי זיכער האבן א גוט לעבן.

די אלע וואס האט מיטגעהאלטן דעם שבת זענען מעיד אז דער געשמאק פון דעם געהויבענעם שבת וועט זיי פארבלייבן אין די ביינער פאר א לאנגע צייט.

**השבת נועם הנשמות!**

***

## שיינער שידוך ביי אנשי שלומינו

א גרויסע שמחה האט געהערשט דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג אווענט אין ביהמ"ד היכל הקודש ברסלב קרית יואל שכונת עצי תמרים, ווען עס איז געשלאסן געווארן דער שידוך פון החתן הילל ני"ו בן מוה"ר ישראל אשר ווייס הי"ו מחשובי אנ"ש אין קרית יואל, מיט די טאכטער פון מוה"ר יואל טייטלבוים הי"ו, מחשובי אנ"ש און גבאי פון ביהמ"ד היכל הקודש ברסלב אויף די פרעמישלאן גאס, אין די געגנט פון עצי תמרים. ספעציעל איז געווען גרויס די שמחה ביי די מתפללים פון ביהמ"ד ווען ביידע מחותנים און דער חתן זענען לאנג יעריגע מתפללים אין דעם ביהמ"ד.

עס האבן זיך משתתף געווען א גרויסער ציבור אנ"ש, שכנים, ידידים און קרובים פון ביידע מחותנים, וואס זענען זיך געקומען מיטפרייען מיט די גרויסע שמחה. ביים לחיים האט מען שוין אויך געמאכט דעם ווארט מיט'ן תנאים, הגה"צ דומ"ץ קרית יואל שליט"א איז מכובד געווארן מיט'ן ליינען דעם תנאים, און דער עולם האט זייער אויסגעלויבט ביידע מחותנים וואס האבן געהאט די ריכטיגע שכל און בשעת'ן שליסן דעם שידוך האבן זיי שוין אויפגעליינט דעם תנאים, אזוי ווי מוהרא"ש ז"ל האט אלץ פארלאנגט, און מיט דעם זיך געשפארט ארויסווארפן איבריגע אידיש געלט, צייט און טירחא.

דער עולם האט געזונגען שיינע ניגונים און אנגעווינטשן אלע גוטע ברכות פאר די מחותנים און חתן-כלה.

**עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים!**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **ראובן בירנבוים** הי"ו

**צו די אפשערן פון זיין אינגל שמואל למז"ט**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינדער און פון אלע זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

החתן **משולם פינטער** ני"ו

**וואס איז א חתן געווארן למז"ט עב"ג**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

החתן **חיים ברייער** ני"ו

**וואס איז א חתן געווארן למז"ט עב"ג**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים.

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; און נאך** < 212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
< BreslevCenter.com >

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך**
845-414-8426 /212-444-9169 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

**הגליון נתנדב לזכות יחזקאל בן רחל פיגא, וזו' הענדיל בת שיינדל, ובנם נחמן נתן**